**איוף תיכף ארויסצוגעבן:** 4/24/2024 **גאווערנער קעטי האקול**

**גאווערנער האקול אנאנסירט 21 טראנספארמאטיווע פראיעקטן אין פיר נארט קאנטרי קאמיוניטיס אלס טייל פון שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY FORWARD פראגראמען**

***פראיעקטן אנאנסירט אין טייקאַנדעראָוגע, קעיפ ווינסענט, לייענס פאָלס און וועדינגטאן***

***געמאלענע בילדער פון פראיעקטן'ס דעזיין זענען פארעפנטליכט*** ***דא***

גאווערנער קעטי האקול האט היינט אנאנסירט א סך הכל פון 21 טראנספארמאטיווע פראיעקטן פאר דעם נארט קאנטרי ראיאן אלס טייל פון צוויי עקאנאמישע אנטוויקלונג פראגראמען: די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward (ניו יארק - איוף פאראויס). אכט פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר טייקאַנדעראָוגע, די רונדע 6 געווינער פון א 10 מיליאן דאלארדיגע DRI גרענטס; 5 פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר קעיפ ווינסענט, א רונדע 1 געווינער פון א 4.5 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט; 4 פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר לייענס פאָלס, א רונדע 1 געווינער פון א 2.25 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט; און 4 פראיעקטן זענען אנאנסירט געווארן פאר וועדינגטאן, איוך א רונדע 1 געווינער פון א 2.25 מיליאן דאלארדיגע NY Forward גרענט.

"די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו און NY Forward פראגראמען שטעלן צו וועזנטליכע שטיצע פאר ניו יארק'ס שטאטישע צענטערן", **האט גאווערנער האקול געזאגט.** "די פינאנצירונג פאר די נארט קאנטרי וועט העלפן קאמיוניטיס אויספירן זייערע פלענער צו באררייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער, צוציהען באזיכער און אויפטרייבן עקאנאמישע געלעגנהייט פאר פילע קומענדיגע דורות."

**שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) גרענטס**

די טאון אָוו טייקאַנדעראָוגע איז אויסגערופן געווארן אלס די נארט קאנטרי געווינער פון די זעקסטע רונדע פון די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו אין 2023. די 8 אויסדערוועהלטע פראיעקטן זוכן צו שאפן א לעבהאפטיגע, ראיאנישע ביזנעס און קולטורישע צענטער, מיט די הערליכע הונטערגרונט פון די לאַ שוט ריווער, לעיק דזשארדזש און לעיק טשעמפּלעין, וואס אפפערט פארשידענע איינקויפונג, עסן, קולטורישע און פארוויילונג געלעגנהייטן לענגאויס די היסטארישע Montcalm Street גאס.

נייע אינוועסטירונג צוזאמען מיט פארגאנגענע אינוועסטירונגען וועט שאפן א שטאנדהאפטיגע פלאץ צו קענען אויפלעבן און גיבן נייע נוצן פאר היסטארישע געביידעס אין די שטאט צענטער און צו ארייננבויען נאך געביידעס אין צווישן די שטייענדע געביידעס צו גיבן וואוינונג געלעגנהייטן פאר מענטשן מיט פארשידענע איינקונפט שטאפלען.

די DRI אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין די נארט קאנטרי. די DRI ווערט אנגעפירט דורך די סטעיט

דעפּאַרטמענט וואָס שטעלט צו טעכנישע הילף אַזוי ווי יעדע אַנטיילנעמענדע קאַמיוניטי אַנטוויקלט אַ סטראַטעגישע אינוועסטירונג פּלאַן וואָס אידענטיפיצירט ספּעציפישע פּראָיעקטן מיט אַן אייגנאַרטיגע חזון פאַר די אויפלעבונג פון די שטאָט-צענטער געגנט.

די ספּעציפישע פּראָיעקטן וועלכע וועלן פינאַנצירט ווערן דורך די DRI שטיצן עטליכע ציהלן און סטראַטעגיעס וועלכע זענען אויסגערעכנט אין די קאַמיוניטי'ס סטראַטעגישע אינוועסטירונג פּלאַן, ווי צום ביישפּיל דאָס פאַרשטערקערן די שטאָט'ס אייגנאַרטיגע געפיהל מיט אַן אמת'ע, אויטענטישע ערפאַרונג וואָס וועט אויפטרייבן צוקונפטיגע וואוקס פון זיך אַליין און שטיצן אַנטוויקלונג וואָס נעמט יעדן אַריין בשעת'ן אַרומנעמען איר שטאַרקע העריטעדזש און אַפּשטאַמיגע פאַרשידנאַרטיגקייט.

טייקאָנדעראָגע שליסט זיך אָן מיט די קאַמיוניטיס פון פּלאַטסבורג, וואָטערטאַון, סערענעק לעיק, פּאָטסדאַם, מאַסענאַ, טאָפּער לעיק און לאָוויל וועלכע זענען געווען די נאָרט קאַנטרי ראַיאָן'ס געווינער פון דעם DRI פּראָגראַם.

די 9.7 מיליאָן דאָלאַרדיגע סטעיט אינוועסטירונג אין די פּראָיעקטן דורך די DRI וועט זיך רעכענען אויף נאָך אַנדערע רעגירונג און פּריוואַטע אינוועסטירונגען אַזוי ווי די אויפלעבונג פּראָצעדור מאַכט פאָרשריט און גייט אַריין אין שוואונג.

**טייקאַנדעראָוגע DRI פּראָיעקטן**
די טאַון אָוו טייקאַנדעראָוגע, מיט די הערליכע הונטערגרונט פון די לאַ שוּט ריווער, לעיק דזשארדזש און לעיק טשעמפּלעין, פּלאַנירט צו שאַפן אַ לעבהאַפטיגע ראַיאָנישע ביזנעס און קולטורישע צענטער וואָס קוקט אַרויס צו די צוקונפט און היט אויף איר היסטאָרישע אידענטיטעט. עס וועט ברענגען אַ פיסגייער-פריינטליכע וועג לענגאויס Montcalm Street וואָס קומט מיט באַחנ'טע ספּעציעלע געשעפטן און רעסטאָראַנטן, העריטעדזש טוריזם, קונסט און אונטערהאַלטונג אַטראַקציעס און מאָדערנע סערוויסעס, בשעת'ן אויך באַרייכערן געלעגנהייטן פאַר איינוואוינער און באַזיכער צו באַקומען די ערפאַרונג פון אַ רייע פון דרויסנדיג אַקטיוויטעטן אינערהאַלב אַ קורצע שפּאַציר פון די שטאָט-צענטער.

**פאַרשענערן די אויסקוק פון Montcalm Street אין שטאָט-צענטער פון טייקאַנדעראָוגע ($3,694,000)**

- פאַרשענערן די אויסקוק פון Montcalm Street דורך באַצירטע טראָטואַר אויספלאַסטערונג, באַצירנדע גאַס לאַמפּן, באַצירנדע פלאַנצונגען און לענדסקעיפּינג, פאַרבעסערטע קראָסוואַלקס און אַנדערע אייגנשאַפטן צו פאַרבעסערן די פּלאַץ פאַר פיסגייער.

**פאַרשטערקערן טייקאַנדעראָוגע שטאָט-צענטער'ס אידענטיטעט דורך אַ ברענדינג, מאַרקעטינג און וועגווייזנדע שילדן איניציאַטיוו ($330,000)**

- אויפקומען מיט איינהייטליכע ברענדינג, מאַרקעטינג און שילדן צו פאַרשטערקערן די ברענדינג פון טייקאַנדעראָוגע און די שטאָט-צענטער אינערהאַלב די קאַמיוניטי און מאַרקעטפּלאַץ.

**אויפשטעלן אַ קליינע פּראָיעקט קאַסע צו אַרויסהעלפן לאָקאַלע ביזנעסער ($600,000)**

- אויפשטעלן א קליינע פראיעקט קאסע וואס העלפט ארויס מיט געביידע און לאקאציע פארבעסערונגען אויף א קליינע פארנעם און וואס שטעלט צו הילף פאר קליינע ביזנעסער.

**אנטוויקלען די עדיראַנדעק פארשטעלונג קונסט צענטער ($2,115,000)**

- צולייגן פארשידנארטיגע באנוצן פאר די Knights of Columbus (רייטער פון קאלאמבוס) געביידע דורכן מאדערניזירן די קעלער און ערשטע שטאק, רענאווירן די צווייטע שטאק צו אריינצונעמען לעקציע צימערן, גרופע פארשטעלונג/חזרה פלאץ, אינסטרומענט פאררעכטונג געשעפט און א רעקארדירונג סטודיא פאר We Are Instrumental, פארוואנדלנדיג די דריטע שטאק צו ווערן א קאאפעראטיווע פארשטעלונג פלאץ וואס מערערע ארגאניזאציעס קענען נוצן און פארבעסערן די פאוויליאָן.

**אקטיוויזירן Adirondack Drive צו פארבינדן די שטאט-צענטער מיט די לאַ שוּט ריווער ברעג ($566,000)**

- פארבעסערן Adirondack Drive פון די Champlain/McCormick אינטערסעקשען ביז די פארבינדונג מיט Montcalm דורכן פארבעסערן די שאסיי און פארקינג, איינפלאנצען ביימער, ארומנעמען די הונטערשטע דרויסנדיגע ווענט פון געביידעס אויף די זייט פון Montcalm Street מיט די פנים צו די טייך און פארבעסערן די פארבינדונג צווישן די שטאט-צענטער און אפענע שטחים.

**סטאבילידירן די Hacker געביידע אויף 108 Montcalm ($1,265,000)**

- איבערבויען די Hacker געביידע צו אריינרעכענען אן ערזעצונג פון די דאך, אסבעסטאָוס און שימל רייניגונג, פארשענערן די דרויסנדיגע ווענט און אנדערע רענאוואציע אקטיוויטעטן.

**פארשענערן די לאַ שוּט ריווער ברעג צו ארויסברענגען נאטורליכע אייגנשאפטן ($754,000)**

- אקטיוויזירן די לאַ שוּט ריווער דורכן מאדערניזירן ביציקל און פיסגייער טרעילס, אינסטאלירן פלעצער צו קוקן אויף די וואסערפאלן, צולייגן קאיאק שיפל און ביציקל רענטעל איינריכטונגען, אינסטאלירן באלייכטונג, מאדערניזירן די פארמערס מארקעט איינריכטונג, פארבעסערן לענדסקעיפינג און צולייגן איינריכטונגען פאר באניצער ווי בענק און איבונגען סטאנציעס.

**אויפלעבן די Ti Natural Foods Co-Op צו פארמערן לאקאלע עסנווארג צוטריט ($376,000)**

- רענאווירן די Ticonderoga Natural Food Co-Op, אריינרעכענענדיג א רענאוואציע פון די דרויסנדיגע וואנט, א מאדערניזירונג פון די צוגרייטונגען פלאץ פאר א קאמערציעלע קיך, צולייגן א דעלי קאונטער, בארייכערונג פון די אינערליכע שיינקייט, פארבעסערונג פון די געביידע'ס ענערגיע שפארזאמקייט און רענאוואציע פון די הונטערשטע טייל פון די געביידע.

**NY Forward גרענטס**

ארויפבויענדיג אויף די שוואונג פון די סטעיט'ס ערפאלגרייכע שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI), נעמט דער 100 מיליאן דאלארדיגער NY Forward פראגראם אן די זעלבע "אומר ועושה" סטראטעגיע ווי די DRI צו שטיצן א מער גלייכע ערהוילונג פון שטאטישע צענטערן אין ניו יארק'ס קלענערע קאמיוניטיס און אזעלכע וועלכע זענען ווייטער ארויס פון שטאט. NY Forward אינוועסטירונגען זענען טייל פון די גאווערנער'ס אנגייענדע באמיאונגען צו אויפלעבן די עקאנאמיע און ברענגען מער געלעגנהייטן אין די נארט קאנטרי.

**קעיפ ווינסענט NY Forward פראיעקטן**

די ווילעדזש אָוו קעיפ ווינסענט'ס פאנאראמישע, היסטארישע און אייגנארטיגע שטאט-צענטער כאראקטער וועט אויספארעמען די יסוד פאר ענווייראמענט-פריינטליכע עקאנאמישע וואוקס וואס היט אפ און הייבט ארויס די קאמיוניטי'ס שטעטלישע חן און לאנד פלאנצונג שורשים, בשעת'ן היטן אויף די סעינט לאורענס ריווער און לעיק אָנטאַריאָו פאר פארוויילונג און האנדל. דורך עקאנאמישע און וואוינונג וואוקס וואס זענען אין איינקלאנג איינע מיט די אנדערע, וועט קעיפ ווינסענט זיין א קאמיוניטי וואס נעמט אריין שעפערישע קונסטלער און ביזנעסלייט, וואס גיבט א הויכע קוואליטעט פון לעבן פאר עקזיסטירנדע און צוקונפטיגע איינוואוינער און וואס דינט אלס אן אייגנארטיגע דעסטינאציע פאר באזיכער.

**פארשענערן אויסקוק פון שטאט-צענטער געסער אויף Broadway צו שטיצן פיסגייער פריינטליכקייט און האנדל ($2,689,000)**

- דעזיינען און דורכפירן פארבעסערונגען צו די אויסקוק פון די גאס אויף די Broadway Street וועג צו גיבן אן אייגנארטיגע, איינהייטליכע און אויפנעמנדע שטאט-צענטער אטמאספערע.

**פונדאסניי אויסשטעלן Club Street אלס פיסגייער-פריינטליכע זאנע ($600,000)**

- אקטיוויזירן די Club Street וועג צו שאפן אן אויפנעמנדע פיסגייער-פריינטליכע זאנע. פארגעשלאגענע עלעמענטן רעכענען אריין אייגנארטיגע שאסיי אויבערפלאך און קליינע זיילן וואס בלאקירן קארן וואס קענען אוועקגענומען ווערן כדי צו שאפן איינהייטליכע צוטריט צו די וואסער ברעג.

**אוועקשטעלן א קאסע צו שטיצן א לעבעדיגע ביזנעס שטאט-צענטער סביבה ($300,000)**

- אויפשטעלן א לאקאל-אנגעפירטע 'מעטשינג פאָנד' קאסע פאר קליינע פראיעקטן צו אונטערנעמען א רייע פון קלענערע שטאט-צענטער פראיעקטן ווי פארבעסערונגען צו דרויסנדיגע געביידע ווענט, געביידע פארבעסערונגען פאר פלעצער פון ביזנעס אדער אויסגעמישטע באנוצן, ביזנעס הילף אדער עפנטליכע קונסט פראיעקטן.

**אוועקשטעלן די Club Street וואסער ברעג פארק אלס א שטאט-צענטער דעסטינאציע ($850,000)**

- שאפן א וואסער ברעג פארק דורכן אינסטאלירן שפילערייי עקוויפמענט, אויסגעשטעלטע זיצן, באשיינענדע וואסער, א פלאץ מיט א דאך אינדרויסן, א פייער גרוב, שילדן, לענדסקעיפניג און נייע וועגן צו שפאצירן.

**איבערפרישן די 'ווילעדזש גרין' אין די הארץ פון קעיפ ווינסענט ($61,000)**

- אויפרעכטן און מאדערניזירן פארשטעלונגען פלאטפארמע, אינסטאלירן נייע לאמפ זיילן, צולייגן נייע ווענט און בלומען-געפלאנצטע שטחים און ערזעצן פארעלטערטע בענק צו באריייכערן עפנטליכע שטח אין די הארץ פון די קאמיוניטי.

**לייענס פאָלס NY Forward פראיעקטן**

די שטאט-צענטער פון לייענס פאָלס וועט זיין אן אקטיווע, עקאנאמיש לעבהאפטיגע און היסטאריש-אפגעהיטענע קאמיוניטי פארבינדן צו פארוויילונג איינריכטונגען אין אלע צייטן פון די יאר. ארויפבויענדיג אויף די ווילעדזש'ס צוטריט צו באשעפטיגונג צענטערן, די נאטורליכע אייגנשאפטן פון די מוס און בלעק טייכן, באנוצטע פארקס און טרעילס, אן אויפגעלעבטע מיל לאקאציע, די שיינקייט פון די וואסערפאלן און א רייכע לאקאלע היסטאריע — וועט לייענס פאָלס זיין א ווארעם אויפנעמנדע פלאץ פאר יעדן.

**פארבעסערן פארבינדונג און באריייכערן די ערפארונג אין די שטאט-צענטער אין לייענס פאָלס דורך פארשענערן אויסקוק פון געסער ($1,900,000)**

- טראנספארמירן און פארבעסערן די ווילעדזש'ס פארבינדונג און אויסקוק פון גאס מיט פארבעסערטע אינטערסעקשענס, וועגן צו שפאצירן, לענדסקעיפינג און אטראקטיווע דעזיין עלעמענטן צו אוועקשטעלן א ווארעם אויפנעמנדע און אייגנארטיגע פיסגייער פריינטליכע שטאט-צענטער אטמאספערע אריבער Cherry Street, McAlpine Street און Center Street.

**אנטוויקלען מארקעטינג און ברענדינג פאר שטאט-צענטער פון לייענס פאָלס ($50,000)**

- אנטוויקלען מארקעטינג און ברענדינג פאר די שטאט-צענטער צו ציהלן איינוואוינער, באזיכער, אינוועסטירער און דעוועלאפערס.

**אוועקשטעלן א קאסע צו פארבעסערן אויפלעבונג אין שטאט-צענטער פון לייענס פאָלס ($150,000)**

- אוועקשטעלן א לאקאל-אנגעפירטע 'מעטשינג פאָנד' קאסע פאר קליינע פראיעקטן צו אונטערנעמען א רייע פון קלענערע שטאט-צענטער פראיעקטן ווי פארבעסערונגען צו דרויסנדיגע געביידע ווענט, געביידע פארבעסערונגען פאר פלעצער פון ביזנעס אדער אויסגעמישטע באנוצן, ביזנעס הילף אדער עפנטליכע קונסט פראיעקטן.

**אקטיוויזירן עפנטליכע פלעצער ביי די היסטארישע לייענס פאָלס Pulp and Paper מיל ($150,000)**

- איבערבויען א ליידיגע און נישט אויסגענוצטע געוועזענע מיל לאקאציע צו ווערן אן עפנטליכע ארט מיט די צוגאב פון גרינע שטח, פלעצער פאר די פובליקום צו זיצן און א פלאץ צו ארויסקוקן אויפן טייך.

**ווערינגטאן NY Forward פראיעקטן**
אלס א היימליכע טאון דעסטינאציע, וועט די ווילעדזש אָוו ווערינגטאן ווערן א פיסגייער-פריינטליכע שטאט-צענטער, ארויסווייזנדיג איר רייכע היסטארישע ארכיטעקטור בשעת'ן גיבן צוטריט צו איינריכטונגען פאר איינוואוינער, פארבעסערן די ערפארונג פון באזיכער און אויסברייטערן איר פארשידנארטיגע געמיש פון קונסט, קולטורישע און ריטעיל געשעפט אייגנשאפטן דורך אנגייענדע רעגירונג-פריוואטע שותפות'ן. די קאמיוניטי'ס ווערטליכע פארבינדונג מיט די סעינט לאורענס ריווער וועט בארייכערט ווערן דורך פארוויילונג, האנדל און ענווייראמענטאלע אחריות'דיגקייט צו פארשטערקערן די עקאנאמיע.

**טראנספארמירן אויסקוק פון שטאט-צענטער געסער פון ווערינגטאן צו שאפן א ווארעם אויפנעמנדע דעסטינאציע ($1,000,000)**

- טראנספארמירן די ווילעדזש'ס ארייננגאנג און אויסקוק פון די גאס לענגאויס די מעין סטריט, מיט פארבעסערטע וועגן צו שפאצירן, לענדסקעיפּינג, אטראקטיווע דעזיין עלעמענטן און דאס אוועקשטעלן א טויער צו מאכן א ווארעם אויפנעמנדע און אייגנארטיגע פיסגייער פריינטליכע שטאט-צענטער אטמאספערע.

**אויפשטעלן א קאסע צו שטופן פאר שטאט-צענטער ביזנעס און פארשענערונג ($200,000)**

- אויפשטעלן א לאקאל-אנגעפירטע 'מעטשינג פאָנד' קאסע צו אונטערנעמען א רייע פון קלענערע שטאט-צענטער פראיעקטן ווי פארבעסערונגען צו דרויסנדיגע געביידע ווענט, געביידע רענאוואציע פאר פלעצער פון ביזנעס אדער אויסגעמישטע באנוצן, ביזנעס הילף און עפנטליכע קונסט.

**אויפבויען די נאמען פון די שטאט-צענטער פון ווערינגטאן ($50,000)**

- אנטוויקלען א ברענדינג איניציאטיוו וואס רעכנט אריין דאס אויפקומען מיט א נייע ווילעדזש לאָוגאָו, סלאגאן און מארקעטינג מאטעריאלן צו אדווערטייזן ווערינגטאן'ס שטאט-צענטער אלס א דעסטינאציע.

**אויפרעכטן די היסטארישע Clark House צו שאפן קליינע האטעל אקאמאדירונגען און אפארטמענטס ($1,000,000)**

- רענאווירן די געביידע צו עפענען א קליינע האטעל מיט א געשאצטע 9 צימערן אויף די 2'טע און 3'טע שטאקן, ארייננרעכענענדיג א לאבי, עסנווארג סערוויס און באגעגעניש פלאץ אין צוגאב צו דאס שאפן פיר ADA-צוגענגליכע, איין שלאף-צימערדיגע אפארטמענטס.

**ניו יארק סעקרעטערי אָוו סטעיט, ראבערט דזש. ראדריגעז, האט געזאגט,** "אנגעהויבן פון דאס פארשענערן די אויסקוק פון געסער און דרויסנדיגע ווענט פון געביידעס ביז דאס זיך קאנצענטרירן אויף קולטורישע קונסט און אויף האוזינג און אויף דאס פארבעסערן די ערפארונג פון פיסגייער — וועלן די פראיעקטן שפילן א הויפט ראלע ביים טראנספארמירן די קאמיוניטיס. די סטעיט דעפּארטמענט'ס

שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו האט אן אויפגעוויזענע רעפּוטאציע, און דער New York Forward פראגראם – וואס קאנצענטרירט זיך אויף קלענערע קאמיוניטיס – פאלגט נאך אין אירע פוסטריט. מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר טייקאַנדעראָוגע, קעיפּ ווינסענט, לייענס פאָלס און וועדינגטאן און פאר די גאנצע נארט קאנטרי."

**ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט ( New York State Energy Research and Development Authority) פרעזידענט און CEO, דאָרין מ. העריס, האט געזאגט,** "ניו יארק'ס נארט קאנטרי איז נאטורליך הערליך, און די קאמיוניטיס וואס געפונען זיך אין דעם ראיאןביישטייערן זיכער צו די קולטורישע און היסטארישע לעבהאפטיגקייט פון ניו יארק סטעיט אין אלגעמיין. היטן אויף די לעבהאפטיגקייט דורכן צושטעלן סטראטעגישע אינוועסטירונגען צו באזייכערן און אויפפרישן שטאט-צענטער געגנטער וועט נישט נאר טראנספארמירן געביידעס און מוטיגן ענערגיע שפארזאמקייט רענאוואציעס, נאר עס וועט אויך ערמעגליכן מער שטאנדהאפטיגע ביזנעס און לעבן פאר די וואס פאררופן די פלאץ פאר א היים."

**עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט פרעזידענט, CEO און קאמישאנער, האָופ נייט, האט געזאגט,** "איין און צוואנציג איז א מזל'דיגע נומער פון פראיעקטן פאר פיר נארט קאנטרי קאמיוניטיס וואס וועלן זעהן טראנספארמאטיווע ענדערונגען א דאנק די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward גרענטס. די פינאנצירונג וועט שטיצן סטראטעגישע אינוועסטירונגען אין טייקאַנדעראָוגע, קעיפּ ווינסענט, לייענס פאָלס און וועדינגטאן צו פארשטערקערן לעבהאפטיגקייט און עקאנאמישע וואוקס דורך א געמיש פון באזייכערונגען, אנגעהויבן פון פארשנערטע געסער און פארקס ביז הילף פאר קליינע ביזנעסער און געביידע רענאוואציעס."

**דיוויזיע פון האוזינג און קאמיוניטי באנייאונג ( Division of Housing and Community Renewal) קאמישאנער, רוט-ען וויסנאָסקעס, האט געזאגט,** "דורך די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward פראגראמען, טוט גאווערנער האקול שטיצן קאמיוניטי-געטריבענע פראיעקטן וואס שטופן פאראויס לאקאלע עקאנאמישע אנטוויקלונג אינציאטיוון און באזייכערן די קוואליטעט פון לעבן פאר ניו יארקער. די 21 גרענטס וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן פאר טייקאַנדעראָוגע, קעיפּ ווינסענט, לייענס פאָלס און וועדינגטאן וועלן פארבעסערן די פיסגייער פריינטליכקייט, פארשענערן אויסקוק פון געסער און שאפן נייע האוזינג און ביזנעס געלעגנהייטן צו העלפן די נארט קאנטרי קאמיוניטיס בליהען."

**נארט קאנטרי REDC פארזיצער, דזשעימס מעקקענא און קעטרין מאריס, האבן געזאגט,** "די צוגעלייגטע DRI און NY Forward פינאנצירונג וועט ברענגען סטראטעגישע פלענער צו פארווירקליכט ווערן אריבער פיר נארט קאנטרי שטאטישע צענטערן, פארבעסערנדיג זייער קוואליטעט פון לעבן און מאכנדיג לאקאלע עקאנאמיעס וואקסן. מיט קאמיוניטיס שטייענדיג אין שפּיץ וועג, זענען מיר באגייסטערט צו זעהן די טראנספארמירטע גרינע שטחים, קולטורישע פלעצער און ביזנעסער וואס וועלן מאכן טייקאַנדעראָוגע, קעיפּ ווינסענט, לייענס פאָלס און וועדינגטאן נאך אפילו מער ציהענד פאר איינוואוינער און באזיכער צוגלייך. "

**אסעמבלי מיטגליד מעטיו סימפסאן האט געזאגט,** "אין נאמען פון די איינוואוינער פון טייקאַנדעראָוגע און די 114'סטע דיסטריקט, טוהען מיר ווידעראמאל אויסדרוקן אונזער מיטגעטיילטע דאנקבארקייט און הכרת הטוב פאר די גאווערנער פארן גלויבן אין די מענטשן און אין די צוקונפט פון די טייקאַנדעראָוגע קאמיוניטי. די פראיעקטן ווייזן ארויס א גוט דורכגעטראכטע און סטראטעגיש איינשטימיגע חזון פון דאס וואס די מענטשן גלויבן איז די יסוד פאר א לעבהאפטיגע נייע קאפיטל אין א לאנגע און געפייערטע היסטאריע פון די טאון און ראיאן. איך בין באגייסטערט צו זעהן די געדאנקען קומענדיג איין טריט נאענטער צו פארווירקליכט ווערן, און איך לויב אויס אלע פארמישטע קערפערשאפטן וועלכע זענען געווען

פארמישט אין דאס אויספלאסטערן די וועג פאראויס פאר זייער גרעניצלאזע גלויבונג אין די פאטענציאל פון וואס די וואונדערבארע קאמיוניטי האט צו אפפערן."

**אסעמבלי מיטגליד קען בלענקענבוש האט געזאגט,** "מיינע גראטולירנדע וואונטשן פאר לייענס פאָלס. איך בין פרייליך צו זעהן שטייער געלטער קומענדיג צוריק צו צפון ניו יארק און ווערנדיג גענוצט פאר פראיעקטן וואס בענעפיטירן דירעקט אונזערע קאמיוניטיס."

**טייקאַנדעראָוגע מעיאר מארק רייט האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו זעהן די ליסטע פון פראיעקטן וואס זענען היינט אנאנסירט געווארן. אין נאמען פון די גאנצע טאון, ווילן מיר באדאנקען גאווערנער האקול פאר דעם גאנצן פראצעדור און פארן אונז אויסוועהלן אין די שטאט-צענטער אויפלעבונג איניציאטיוו. דאס גייט זיין א גרויסארטיגע איבערבויאונג פון אונזער שטאט-צענטער, אוועקנעמנדיג צענדליגע יארן פון חורבות און אויסברייטערנדיג און עפענענדיג געלעגנהייטן אין אנדערע געגנטער אין די קאמיוניטי."

**לייענס פאָלס מעיאר דאַנע דאלהאף האט געזאגט,** "מיר זענען גאר באגייסטערט צו אנהויבן דעם פראצעדור אין לייענס פאָלס. מיר קענען נישט ווארטן צו זעהן די טראנספארמאציע וואס די פראיעקטן וועלן ברענגען פאר די ווילעדזש און די אומגעגנט. א דאנק פאר גאווערנער האקול און די ניו יארק סטעיט דעפארטמענט פאר אלע אייערע באמיאונגען."

**קעיפּ ווינסענט מעיאר דזשערי גאלדען האט געזאגט,** "מיט גרויס באגייסטערונג פאר די ווילעדזש זענען מיר מזל'דיג צו האבן די געלעגנהייטן צו מאכן די שטאט-צענטער און די הארץ פון קעיפּ ווינסענט וואקסן. מיר זענען דאנקבאר פאר די סטעיט'ס שטיצע אזוי ווי עס וועט העלפן אלע אונזערע לאקאלע ביזנעסער."

**וועדינגטאן מעיאר מייקעל דזש. זעגראָובעלני האט געזאגט,** "אלס מעיאר פון וועדינגטאן, בין איך באגייסטערט איבער ניו יארק סטעיט'ס באשלוס צו פינאנצירן אזויפיל פון וועדינגטאן'ס NY Forward פראיעקטן. דאס אויסשטעלן די מעין סטריט פונדאסניי, אויפרעכטן די היסטארישע Clark House, צוזאמען מיט געלטער געווידמעט צו העלפן קליינע ביזנעסער און אויפבויען די נאמען פון וועדינגטאן, וועלן זיין די שליסלעך צו וועדינגטאן'ס אויפלעבונג. אין צוגאב צו אונזער לאקאלע מאנשאפט פון וועדינגטאן איינוואוינער וועלכע האבן אויסגעקליבן די רייע פראיעקטן, וויל איך באזונדערס באדאנקען גאווערנער קעטי האקול פארן אנערקענען וועדינגטאן'ס פארשפרעכנדע צוקונפט און אונז רוקן צו א לעכטיגערע צוקונפט. NYS האט זיך אויפגעוויזן צו זיין א געוואלדיגע שותף ביים אויפלעבן שטעטלישע ניו יארק, און די גרענט איז בלויז איין שטיקל פון פילע געלעגנהייטן וואס וועדינגטאן איז געגעבן געווארן צו אויסנוצן די כוח פון ניו יארק סטעיט. וועדינגטאן איז די באהאלטענע דיאמאנט פון די סעינט לאורענס ריווער; דורך די גרענט, האפן מיר צו שיינען א ליכט אויף די פארשפרעכנדע צוקונפט פון אן אויפגעלבעטע צפון ניו יארק פאר געזונטע קאמיוניטי לעבן און א לעבהאפטיגע עקאנאמיע."

DRI און NY Forward קאמיוניטיס זענען אויפגעקומען מיט סטראטעגישע איינפירונג פלענער (Strategic Implementation Plan, SIP) וואס שטעלט אוועק א חזון פאר די צוקונפט פון זייער שטאט-צענטער און אידענטיפיצירט און רעקאמענדירט א שורה פון ערגענצנדע, טראנספארמאטיווע און אויספירבארע פראיעקטן וואס שטיצן דעם חזון. די SIP'ס ווערן געוויזן די וועג דורך א לאקאלע פלאנירונג קאמיטע (Local Planning Committee, LPC) וואס באשטייט פון לאקאלע און ראיאנישע פירער, פארמישטע קערפערשאפטן און קאמיוניטי פארטרעטער, מיט די הילף פון א באשטימטער ראטגעבער און פון די DOS איינגעשטעלטע — אלע פון וועלכע פירן דורך ברייטע באמיאונגען צו ארבעטן מיט- און הערן פון די קאמיוניטי ביים באשטימען וועלכע פראיעקטן צו אויסוועהלן.

**איבער די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און NY Forward**
די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו (Downtown Revitalization Initiative, DRI) און NY Forward זענען צענטראלע עלעמענטן פון די סטעיט'ס עקאנאמישע אנטוויקלונג פאליסי. די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2016 צו פארשנעלערן און פארברייטערן די אויפלעבונג פון שטאטישע צענטערן און געגנטער אין אלע צען ראיאנען פון די סטעיט צו דינען אלס צענטערן פון אקטיוויטעט און טרייב קרעפטן פאר אינוועסטירונג. NY Forward איז אוועקגעשטעלט געווארן אין 2022 צו אויפלעבן קלענערע און שטעטלישע קאמיוניטיס אריבער די סטעיט כדי אלע קאמיוניטיס זאלן קענען בענעפיטירן פון די סטעיט'ס אויפלעבונג באמיאונגען, אפגעזעהן פון גרויסקייט, כאראקטער, געברויכן און שוועריגקייטן. אנגעפירט דורך די סטעיט דעפארטמענט – מיט הילף פון עמפייער סטעיט דעוועלאפמענט, האָומס ענד קאמיוניטי רינוּעל און די ניו יארק סטעיט ענערגיע פארשונג און אנטוויקלונג אויטאריטעט – באנוצן זיך די DRI און NY Forward מיט א פרעצעדענטלאזע און שעפערישע "אומר ועושה" סטראטעגיע וואס פארט צוזאם סטראטעגישע פלאנירונג מיט באלדיגע אויספירונג. ביידע פראגראמען שאפן א שטאפל פון לעבהאפטיגקייט אין שטאט-צענטערן אין יעדן ראיאן פון די סטעיט וואס פארשטערקערט עקאנאמישע אנטוויקלונג, שטופט פאר א העכערע קוואליטעט פון לעבן, פלעגט געזעלשאפטליך-עקאנאמישע אנטוויקלונג און עררייכט די סטעיט'ס אמביציעזע קלימאט ציהלן.

אין די ערשטע זיבן רונדעס פון די DRI האט די סטעיט פארשפראכן 800 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 81 שטאט-צענטערן וועלכע זענען רייף צו אויפגעלעבט ווערן און וועלכע האבן די פאטענציאל צו ווערן ווי א מאגנעט צו צוציהען נייע דעוועלאפמענטס, ביזנעס, דזשאבס, מער עקאנאמישע און האוזינג פארשידנארטיגקייט און געלעגנהייטן. אין די ערשטע צווי רונדעס פון די NY Forward האט די סטעיט פארשפראכן 200 מיליאן דאלאר צו אינוועסטירן אין 43 קלענערע און שטעטלישע שטאט-צענטערן.

מיט די גאווערנער'ס צוזאג דאס יאר פון נאך 100 מיליאן דאלאר סיי פאר די שטאט-צענטער אויפלעבונג אינציאטיוו און סיי פאר NY Forward, האט די סטעיט יעצט שוין אינוועסטירט א סך הכל פון 1.2 ביליאן דאלאר אין ביידע פראגראמען זינט זיי זענען אוועקגעשטעלט געווארן, באדינענדיג 122 קאמיוניטיס צוזאמען.

###

נאך נייעס קען מען באקומען ביי www.governor.ny.gov
ניו יארק סטעיט | עקזעקיוטיוו טשעימבער | press.office@exec.ny.gov | 518.474.8418
שרייבט זיך איין צו באקומען די לעצטע נייעס פון די גאווערנער'ס אפיס: ny.gov/signup | טעקסט די ווערטער NEW YORK צו 81336

זיך ארויסשרייבן